NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04002

# DOS MEYDELE MITN ROYTN KLEYDELE

Nochem Weisman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

WEISY
1946

הילע געמאַלן פון נחום ווייסמאַן (WEISY)
אילוסטרירט פון נחום ווייסמאַן
און אייראַן ווייסמאַן

# Dos Meidele Mitn Roiten Kleidele

Copyright 1940
By NOCHEM WEISMAN
Printed in U. S. A.

ארויסגעגעבן מיט דער הילף פון בר. 193 א. א. אָ.

284 Osborn Press, 135 Osborn St., Btooklyn

נחום ווייסמאַן

# דאָס מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע

קאַנט איר אויך דאָס מיידעלע
מיטן רויטן קליידעלע?
הייסן, הייסט זי פייגעלע —
און זי עסט אַ בייגעלע . . .

פליען, פליען פייגעלעך —
האָט זי בלויע אייגעלעך:
פּאַטשע, פּאַטשע קיכעלעך —
טראָגט זי גרינע שיכעלעך . . .

קלינגען־קלאַנגען שערעלעך —
האָט זי רויטע הערעלעך:
פּויקן, פּויקן טעפּעלעך —
טראָגט זי רויטע צעפּעלעך . . .

האָט זי אויך אַ שוועסטערל —
רופט מען איר גאָר עסטערל:
טראָגט זי געלע זעקעלעך —
האָט זי רויטע בעקעלעך . . .

שפּילט זיך אָט דאָס מיידעלע
מיטן רויטן קליידעלע
מיט איר גרעסער שוועסטערל
וואָס מען רופט גאָר עסטערל

מאַכן שיך און זעקעלעך
פאַר די קליינע טעקעלעך . . .
ציפּן, ציפּן העמערלעך
שפּילן זיך אין קעמערלעך . . .

עסן זיסע סאַכערלעך
שפּילן זיך אין כאַפּערלעך:
וויגן אין די וויגעלעך
טעקעלעך און ציגעלעך . . .

האָצאַ, האָצאַ קלעצעלע
האָבן זיי אַ קעצעלע
פּוצן עס מיט לענטעלעך
מיט די קליינע הענטעלעך . . .

# ערשט מײַסעלע

אַמאָל איז געווען אַ מיידעלע.
האָט מיידעלע געהאַט אַ רויט קליידעלע.
האָט מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע
געהאַט גרינע שיכעלעך,
בלויע אייגעלעך,
און רויטע צעפּעלעך . . .
האָט מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע
מיט די גרינע שיכעלעך
מיט די בלויע אייגעלעך
מיט די רויטע צעפּעלעך —
געהייסן פייגעלע . . .
איז מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע
מיט די גרינע שיכעלעך
מיט די בלויע אייגעלעך
מיט די רויטע צעפּעלעך
וואָס האָט געהייסן פייגעלע —
געזעסן אַף אַ בענקעלע
און געגעסן אַ בייגעלע.

Weiss
1940

# צווייט מייסעלע

איז דאָס מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע
מיט די גרינע שיכעלעך
מיט די בלויע אייגעלעך
מיט די רויטע צעפּעלעך
וואָס האָט געהייסן פייגעלע
וואָס איז געזעסן אַף אַ בענקעלע
און געגעסן אַ בייגעלע —
געזעסן אין גאַס, פאַר דער טיר . . .
אין גאַס איז געווען וואַרעם.
דיביימער זיינען געווען גרין.
די זון האָט געשיינט אַרום און אַרום . . .
איז ווי נאָר דאָס מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע
האָט געגעבן אַ קוק:
האָט זי דערזען: אַזאַ גרויסע געלע בין
פליט אַהער און אַהין
מיט זשום-זשום-זשום
און זשין-זשין-זשין
און וויל איר נאָר אַ קוש טאָן אין בעקעלע
ווייל זי מיינט —
אַז מיידעלע איז אַ בלום-גלעקעלע . . .

# דריט מייסעלע

איז ווי נאָר דאָס מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע
מיט די גרינגע שיכעלעך
מיט די בלויע אייגעלעך
מיט די רויטע צעפּעלעך
וואָס האָט געהייסן פייגעלע
וואָס איז געזעסן אויף א בענקעלע
און געגעסן אַ בייגעלע
אין גאָס פאַר דער טיר
מיט זון אַרום און אַרום
האָט דערזען די גרויסע געלע בין
וואָס פליט אַהער און אַהין
מיט אַזאַ זשום-זשום-זשום
און זשין-זשין-זשין
און וויל איר דאַווקע אַ קוש טאָן
אין בעקעלע —
האָט זי אָנגעהויבן שרייען:
— „מאַמע! מאַמע! מאַמע!
זע אַזאַ גרויסע געלע בין
פליט אַהער און אַהין!
מאַמע, זי וועט מיר אַ ביס טאָן!"
און די בין איז געפלויגן אַהער און אַהין
אַהין און אַהער
אַהער און אַהין
מיט זשום-זשום-זשום
און זשין-זשין-זשין!...

# פערט מייסעלע

און די בין איז געפלויגן אַהער און אַהין,
אַהין און אַהער,
מיט זשום-זשום זשום
און זשין-זשין-זשין
און מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע
האָט געדרייט דאָס קעפּעלע
אַהער און אַהין
אַהין און אַהער
און געוואָלט אַוועקטרייבן די געלע בין.
האָט זי געשריען און געשריען
און גערופן: — מאַמע! מאַמע!
איז אַרויסגעקומען די מאַמע
און דערזען די בין
האָט זי, מיט איר פאַרטעך
אַ פּאָכע געטאָן אַהער און אַהין
און פאַרטריבן די בין . . .
אויסגעקושט דאָס אייגעלע
באַם וויינענדיקן מיידעלע
און אַריין צוריק אין הויז.
איז מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע
געבליבן ווייטער זיצן אפן בענקעלע
און ווידער גענומען עסן
דאָס פרישע בייגעלע . . .

WEISY
1949

# פינפט מייסעלע:

איז אַרויסגעקומען פון ערגעץ אַזאַ שוואַרץ, שוואַרץ קעצעלע. אַזאַ קליין, קליין קעצעלע. איז קעצעלע צוגע־קומען צום בענקעלע, וואו פייגעלע־בייגעלע איז געזעסן. האָט דאָס שוואַרצע, שוואַרצע קעצעלע דערזען די גרינע שיכעלעך וואָס מיידעלע האָט געטראָגן. מיידעלע האָט זיך געשפילט מיט אירע פיסעלעך. געקלאַפּט מיט זיי אין בענ־קעלע. זיי אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט און געפּויקט, געפּויקט מיט זיי אין בענקעלע. האָט קעצעלע געזען די גרינע שיכעלעך ווי זיי הייבן זיך אויף און לאָזן זיך אַראָפּ. האָט זי געמיינט אַז דאָס זיינען צוויי גרינע פייגעלעך. האָט קעצעלע גענומען שפּילן זיך מיט זיי. זי האָט זיי געלאָזט זיך אויפהייבן און באַלד אונטערגעשפּרונגען און געוואָלט זיי כאַפּן . . .

האָט מיידעלע זייער, זייער געלאַכט פונעם נאַרישן קע־צעלע וואָס מיינט אַז דאָס זיינען גרינע פייגעלעך . . .

— „נאַריש, נאַריש קעצל. דאָס זיינען מיינע נייע שי־כעלעך, וואָס מאַמע האָט מיר געקויפט! דאָס זיינען ניט קיין פייגעלעך! פייגעלעך פליען אַרום . . . דו בעסער קריך אַרויף אויפן בוים, וועסטו האָבן אַסאַך פייגעלעך!

האָט דאָס שוואַרץ-שוואַרצע קעצעלע געפּאָלגט און זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן בוים . . . נאָר אַז זי איז אַרויף אויפן בוים, איז צוגעפלויגן צו איר אַ גרויסער פויגל און האָט איר אַזאַ קלאַפּ געטאָן מיטן שנאָבל אין קעפּל, אַז זי האָט זיך זייער, זייער שטאַרק צעוויינט און געמיאַוקעט:

— „מיאַו-מיאַו-מיאַו! וואו ביסטו מאַמע? קום שנעלער! העלף! העלף!"

איז גלייך אָנגעקומען די מאַמע קאַץ, שנעל אַרויף אויפן בוים און מיט אירע ציינדלעך אָנגעכאַפּט דאָס קעצל פאַרן פּעלעכל און זיך מיט דעם אַראָפּגעגליטשט פון בוים און דאָס צוריק געטראָגן אין קעלער, צו די איבעריקע קע-צעלעך . . .

# זעקסט מייסעלע:

---

זיצט זיך אזוי דאס מיידעלע און זעט ווי די מאמע קאץ טראגט אין פיסק דאס קליינע שווארץ-שווארצע קעצעלע, וואס האט זיך ערשט געשפילט מיט אירע גרינע שיכעלעך... זעט זי אז די מאמע קאץ טראגט אריין דאס קעצעלע אין קעלער אריין. הייבט זיך אויף דאס מיידעלע און גייט איך אריין אין קעלער, א קוק טאן וואס וועט די מאמע קאץ טאן דארט מיטן קעצל . . .

קומט מיידעלע אריין אין קעלער און זעט: אין א ווינקל, שטייט א שטרויען קיישל . . . מיידעלע דערקאנט: דאס איז דאס אלטע קיישל וואו מאמע פלעגט האלטן די וועש . . . אינעם קיישל שפילן זיך פינף קעצעלעך. זיי קייקלען זיך איבער און בייסן זיך און רייסן זיך איינס מיטן צווייטן, אזוי ווי קעץ . . .

דאס שווארצע קעצעלע איז דארט נאך ניטא . . . וואושע איז די מאמע מיטן שווארץ-שווארצן, קעצעלע? . . .

פלוצלונג דערהערט מיידעלע: מיאו! מיאו! מיאו!

אהא, דאס שווארצע קעצעלע וויינט . . . לויפט מיידעלע אין טיפן קעלער אריין און זעט: שווארץ-שווארצע קעצעלע שטייט אנטקעגן דער מאמען און וויינט. און מאמע שלאגט איר מיט א לאפקעלע איבערן פאנעם: — וועסט נאך ארויס פון קעלער, ווען איך הייס ניט? . . . ווערסט זיך נאך דראפן אויף די ביימער אן מיין וויסן?"

וויינט דאס קליינע קעצעלע: ניין מאמע, כ'וועל מער דאס ניט טאן! ניין מאמע! . .

Weiss 1940

# זיבעט מייסעלע:

איז מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע

מיט די גרינע שיכעלעך

מיט די בלויע אייגעלעך

מיט די רויטע צעפּעלעך

ווייטער געזעסן אין גאַס פאַר דער טיר.

אין דרויסן איז געווען וואַרעם.

די ביימער זיינען געווען גרין.

און פאַרטריבן איז געווען די געלע בין.

איז געזעסן פייגעלע

און ווידער געגעסן דאָס פרישע בייגעלע.

איז דורכגעפלויגן אַ גאָלדן פייגעלע.

גיט דאָס אַ קוק:

עס זיצט זיך אויף אַ בענקעלע

אַזאַ שיין מיידעלע מיט אַ רויט קליידעלע

און עסט זיך אַ בייגעלע . . .

האָט דאָס גאָלדן פייגעלע

אַ פינטל געטאָן מיטן אייגעלע:

מיידעלע, מיידעלע איך בין הונגעריק

גיב מיר אויך אַ שטיק בייגעלע!

קיקט מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע

צום גאָלדענעם פייגעלע און שמייכלט

צו דעם. וויל ניט געבן קיין בייגעלע.

הייבט זיך אויף דאָס גאָלדענע פייגעלע

און טוט אַ פלי גלייך צום בייגעלע

און גיט דאָס אַ כאַפּ מיטן שנאָבל

און אַנטלויפט, אַנטלויפט, אַנטלויפט . . .

בלייבט דאָס מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע

זיצן אפן בענקעלע —

און ניטאָ מער קיין בייגעלע !

אַוועק מיטן פייגעלע ! . . .

# אכט מייסעלע:

---

דאָס גאָלדענע פייגעלע איז צוערשט אַרויפגעפלויגן אויפן הויכן בוים ... אַנידערגעלייגט דאָס פרישע בייגעלע אונטער די פיסעלעך און זיך אַוועקגעשטעלט זינגען.

האָט גאָלדן פייגעלע אַזוי שיין געזונגען און געזונגען. האָט מיידעלע אַרויפגעקוקט און זיך איינגעהערט ...

זיינען אירע בלויע אייגעלעך נאָך בלויער געוואָרן און אַזוי גרויס, גרויס געוואָרן ...

און פייגעלע האָט געזונגען און געזונגען ביז אַ ווינטל איז געקומען צולייפן, זיך אַריינגעכאַפּט אין בוים און אָנגעהויבן אַזוי צו בלאָזן, אַז אַלע בלעטעלעך האָבן אָנגעהויבן אַזוי צו רוישן ...

האָט דאָס גאָלדענע פייגעלע אַ פּאַטש געטאָן מיט די פליגעלעך, געכאַפּט דאָס בייגעלע אין שנאָבל אַריין און זיך אויפגעהויבן אין דער לופטן.

גאָלדן פייגעלע האָט זיך געדרייט, געדרייט און אַרומגע-דרייט, געפלויגן אַרום דעם מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע ...

האָט מיידעלע געמיינט, אַז גאָלדן פייגעלע וועט איר באַלד אָפּגעבן דאָס פרישע בייגעלע ...

פלוצלונג אָבער, האָט זיך דאָס גאָלדענע פייגעלע אויפגע-הייבן אַזוי הויך, הויך, הויך און אַוועקגעפלויגן ...

# ניינט מייסעלע:

איז דאָס מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע
געזעסן אין דרויסן אפן בענקעלע
און געטראַכט: „וואו איז מיין בייגעלע?
איז דאָס אַוועק מיטן פייגעלע?...
קוקט זי אין אַלע זייטן
און זוכט דאָס גאָלדענע פייגעלע
מיטן פרישן בייגעלע...
זוכט און זוכט און קוקט און קוקט...
ניטאָ פייגעלע.
ניטאָ בייגעלע.
הייבט זיך אויף דאָס מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע
פון איר בענקעלע:
— „איכל גיין אויסזוכן דאָס גאָלדענע פייגעלע
וואָס האָט מיר צוגענומען מיין בייגעלע"...
שפּאַנט אַוועק דאָס מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע
אויסזוכן דאָס גאָלדענע פייגעלע...
גייט דאָס און גייט
שטילינקערהייט ביז זי קומט צו
צו אַ הויכן בוים...
האָט דער בוים אַזעלכע גרינע בלעטער
און אין גאַס איז וואַרעם
און אונטערן בוים וואַקסט אַסאַך, אַסאַך
גרינע הויכע גראָז...
גיט דאָס מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע
אַ שמעק מיט דער נאָז
אין דעם גרינעם גראָז
און זעצט זיך אַוועק אונטערן בוים...

WEISY
1940

# צענט מייסעלע:

גיט דאָס מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע
אַ שמעק מיט דער נאָז
אינעם גרינעם גראָז
און זעצט זיך אַוועק אונטערן בוים . . .
זיצט זי אַזוי אין גראָז
לויפט אַרויס אַ רויטער האָז
שטעלט זיך דער היטער האָז
אַף די הינטערשטע פיסלעך אין גראָז
גלייך אַנטקעגן דעם מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע.
— „מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע
מיט די גרינע שיכעלעך
מיט די בלויע אייגעלעך
מיט די רויטע צעפעלעך
ווער ביסטו און פון וואַנעט קומסטו אַהער?"
האָט דער האָז אין גראָז געפרעגט.
האָט מיידעלע געזאָגט:
העזעלע — קורץ נעזעלע,
עפשער האָסטו געזען אַ גאָלדן פייגעלע

וואָס האָט מיר צוגענומען

מיין פריש בייגעלע?

פאַרטראַכט זיך העזעלע

און שמעקט מיט דער נאָז

אינעם גרינעם גראָז

און זאָגט:

— „כוועל דיך נעמען אין וואַלד

און אויפזוכן באַלד, באַלד, באַלד

די רויטע וועווערקע אַף שפּיץ פון בוים

וואו מען דערזעט זי קוים —

וועט זי אונדז ווייזן

די הים פונעם גאָלדענעם פייגעלע

וואָס עסט איצט דיין בייגעלע!“ . . .

# עלפט מייסעלע:

גייט מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע מיטן רויטן העזעלע.

וואו גייט פייגעלע-בייגעלע מיטן רויטן העזעלע? זיי גייען איצט אין פעלד אַוועק. דאָס פעלד איז גרויס. דאָס פעלד איז ברייט. אַזויפיל ווילדע בלומען ליגן דאָרטן אויסגעשפּרייט . . . גייט העזעלע-נעזעלע פאָרויס און מיידעלע נאָך אים. קומט מען צו, צו אַ קליין, נידעריק ביימעלע, וואָס וואַקסט איינס אַליין אין מיטן פעלד.

— „דו וואַרט אויס דאָ, מיידעלע. איכ'ל באַלד אַרויסקומען"! אַזוי זאָגט דאָס רויטע העזל און ווערט באַלד פאַרשוואונדן צווישן די גראָזן אַרום דעם ביימעלע . . .

שטייט מיידעלע און קאָן ניט פאַרשטיין:

— וואו איז אַהינגעקומען דאָס העזעלע? האָט דאָס העזעלע עפּשער מיך אָפּגענאַרט און וועט מיך לאָזן איינע אַליין אין מיטן פעלד?

נאָר מיידעלע האָט ניט קיין צייט צו טראַכטן. זי הערט פּלוצלונג ווי די גראָזן און בלעטלעך אַרום ביימעלע רוישן און ציטערן און בייגן זיך . . .

זעט מיידעלע: רויט העזעלע איז אַרויסגעקומען און נאָך אים: איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבן, אַכט, ניין, צען אַזעלכע קליינינקע, שיינע העזעלעך.

האָבן זיך אַלע העזעלעך אויסגעשטעלט, ווי סאָלדאַטן איינס נאָכן צווייטן . . . די מאַמע פאָרויס און מען האָט זיך גערירט פון אָרט . . .

1940

# צוועלפט מייסעלע:

גייט מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע,
גייט העזעלע — קורץ נעזעלע . . .
גייט מען און מען גייט און מען גייט . . .
און אין דרויסן איז ווארעם.
אוןביימער זיינען גרין . . .
און טייבעלעך פליען אהער און אהין . . .
גייט מען בארג אראפ
גייט מען בארג ארויף
שטייט אף שפיץ פון בארג אזא ווייסער הויף . . .
קומען זיי ביידע אריין אין הויף
וואס אפן בארג ארויף . . .
דערשרעקן זיך פאר זיי די מאמע גענדז
וואס שפאנען מיט אזויפיל געלע גענדזלעך ארום.
דערשרעקן זיך פאר זיי די מאמע הינט
וואס היטן קליינע הינטעלעך פון בייז . . .
ווערט א טומל, ווערט א ראש, ראש, ראש . . .
נאר מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע
און העזעלע קורץ נעזעלע שרעקן זיך ניט.

שטעלט הערזעלע אויף זיינע לאַנגע אויערן
און גיט אַ זאָג:
שאַ, זאָל זיין! שטיל זאָל זיין!
שטעלט דעם גרויסן טומל איין
ווען עס קומען געסט אַריין . . .
רופט זיך אָפּ פייגעלע:
מיר גייען אויפּזוכן דאָס גאָלדענע פייגעלע
וואָס האָט באַ מיר צוגענומען מיין בייגעלע!
איז אַזוי שטיל געוואָרן אין הויף
וואָס אפן באַרג אַרויף . . .
די גענדז האָבן אויפגעהערט גראַגערן.
די קאַטשקעס האָבן אויפגעהערט צו מאַקן.
די הינט האָבן אָפּגעשטעלט דאָס האַווקען.
די קעץ האָבן אויפגעהערט מיאַווקען.
און סהאָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגע, לאַנגע
שורע די זיידעס און באָבעס און טאַטעס און מאַמעס
און ברידער און שוועסטער גענדז און קאַטשקעס און
הינער און הענער און הינט און קעץ
און מיטגעגאַנגען מיטן מיידעלע אין רויטן קליידעלע
און הערזעלע קורץ נעזעלע . . .

# דרייצנט מייסעלע:

שטייען זיי אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגע, לאַנגע, לאַנגע שורע אַלע. וואַרטן זיי. אויף וואָס וואַרטן אַלע געגדזעלעך, אַלע קאַטשקעלעך און הינדעלעך און העגדעלעך און הינ-טעלעך און קעצעלעך? . . . זיי וואַרטן אַז מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע זאָל געבן אַ באַפעל . . . און ווען מיידעלע געבן אַ באַפעל, ווען מען זיך אַלע לאָזן אין וועג אַריין . . . וואוזשע איז דאָס מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע? . . . אָט שטייט זי גאָר אין גרויסן גאָרטן מיט בלומען . . . וואָס טוט מיידעלע אין גאָרטן? זי קוקט און באַקוקט און באַשמעקט אַלע בלומען, ווייל זיי שמעקן אַזוי שיין . . . זיינען אָבער די בלומען אַזעלכע הויכע, הויכע . . . און פייגעלע-בייגעלע איז אַזאַ קליין, קליין מיידעלע אַז מען זעט איר באַלד ניט אַרויס . . .

און ווי פייגעלע-בייגעלע שטייט אַזוי און שמעקט און שמעקט און באַשמעקט אַלע בלומען, קומען אָן צופליען אַזיפיל זומער-פייגעלעך . . . גרויסע און קליינע. בלויע און געלע און רויטע און גרינע . . . טאַנצן פליענדיק אַרום מיי-דעלע מיט די רויטע צעפּלעך און גרינע שיכעלעך . . . טאַנצן און פליען, פליען און טאַנצן אַרום . . .

און פלוצלונג לאָזן זיך אַלע זומערפייגעלעך אַראָפּ אפן רויטן קליידעלע . . . אַלע, אַלע אויף אַמאָל . . .

דערשרעקט זיך פייגעלע-בייגעלע און גיט אַ געשריי קומט באַלד אָן צו לויפן דער היטער האָז און מיט זיינע פיסעלעך שאַרט ער אַראָפּ אַלע, אַלע, אַלע זומערפייגעלעך וואָס פאַלן אַלע אַראָפּ אין גראָז . . .

# פערצנט מייסעלע:

גייט מיידעלע פאָרויס
און נאָך איר — אַ לאַנגע, לאַנגע, לאַנגע, לאַנגע שורע
מיט העזעלעך און קאַטשקעלעך און גענדזעלעך
און הינדעלעך . . .
און דער וועג איז אַ שיינער
און וועג איז אַ ריינער
און באַם זייט וועג שטייען אַזעלכע הויכע,הויכע ביימער
און סאיז שטיל און שאַ . . .
הערט מיידעלע ווי די פייגעלעך זינגען.
קוקט זי אַרויף אויף אַלע ביימער
עפשער וועט זי דערזען דאָס גאָלדענע פייגעלע
וואָס האָט איר צוגענומען דאָס פרישע בייגעלע . . .
קוקט זי און קוקט.
קוקט דאָס העזעלע און קאַטשקעלע און גענדזעלע און
הינדעלע און הענדעלע —
אַלע רייסן די העלזעלעך אַרויף, אַרויף, אַרויף . . .
זיינען אָבער די בלעטער פון די ביימער אַזוי גדיך
און גרויס און פארשטעלן די פייגעלעך וואָס זינגען . . .

פלוצלינג פליט פאַרביי אַ טירטל־טויב.

— „מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע, וואָס זוכסטו?"

פרעגט די טירטל־טויב.

זעצט זיך מיידעלע אַוועק, און מיטן וועג

זעצן זיך אַלע אויך אַוועק.

נאָר די טירטל־טויב שטייט אױף אַ נידעריק צווייגעלע.

דערציילט מיידעלע די גאַנצע גרויסע, לאַנגע מייסע

מיטן פרישן בייגעלע, מיטן גאָלדן פייגעלע . . .

רופט זיך אָן די טירטל־טויב:

— „קומט אַלע מיט מיר. איך וועל אַרומפליען הויך איבער אַלעביימער און וועל אייך העלפן זוכן."

איז מיידעלע אַזוי גליקליך. פּאַטשט זי מיט די הענט־לעך פאַר פרייד.

הייבט מען זיך אויף פון גראָז

און מען שפּאַנט ווייטער, ווייטער, ווייטער . . .

די טירטל־טויב פליט און קוקט אַריין צווישן די גרינע בלעטער פון די ביימער. זי זעט דאָרטן אַזויפיל שיינע פייגעלעך וואָס זיצן אין די נעסטן און גיבן אַכטונג אױף די נאַקעטע קינדערלעך, וואָס שטעקן אַרויס זייערע קעפּעלעך און בעטן עסן, עסן, עסן . . .

# פופצנט מייסעלע:

---

שפּאַנט מען ווייטער און ווייטער . . . זוכט די טירטל־טויב צווישן אַלע ביימער, צווישן אַלע צווייגן דאָס גאָלדענע פייגעלע וואָס האָט צוגענומען פייגעלעס בייגעלע. איז ניטאָ און ניטאָ.

וואוּשע איז טאַקע דאָס גאָלדענע פייגעלע?

ווייסט קיינער ניט. דערווייל זוכט מען . . .

און ווי זיי זוכן אַלע דאָס גאָלדענע פייגעלע, שפּרינגט אַראָפּ פון אַ הויכן, הויכן בוים, אַ רויטע וועווערקע. די רויטע וועווערקע איז צוגעלאָפן גלייך צום רויטן העזעלע. אָ, ווי זיי האָבן זיך ביידע דערפרייט! זיי האָבן זיך געקושט אין די פּיסקלעך אַזוי לאַנג, לאַנג, לאַנג . . .

און דאָס רויטע העזעלע האָט דערציילט דער רויטער וועווערקע אַז זיי זוכן דאָס גאָלדענע פייגעלע וואָס האָט צו־געכאַפּט אַזאַ פרישׁ בייגעלע באַם מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע . . .

האָט זיך רויטע וועווערקע פאַרטראַכט פאַרטראַכט און געזאָגט:

— „איך וועל שפּרינגען פון בוים צו בוים, פון שפּיץ צו שפּיץ . . . איך וועל אַריינקוקן אין יעדער נעסט . . . עפּשער וועל איך אים געפינען!"

שפּאַנט מען ווייטער און ווייטער.

טירטל־טויב פליט. רויטע וועווערקע שפּרינגט.

אָבער . . . ניטאָ און ניטאָ . . .

WEISY
1940

# זעכצנט מייסעלע:

שפּרינגט די רויטע וועווערקע פון איין שפּיץ בוים צום צווייטן. שמעקט און שמעקט און זוכט און זוכט.

פליט די טירטל-טויב פון צווייג צו צווייג און באַטראַכט אַלע פייגל . . . נאָר דאָס גאָלדענע פייגעלע איז ניטאָ . . . ניטאָ . . .

אָבער פאַרוואָס האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט די רויטע וועווערקע און וויל ניט מער שפּרינגען אויפן צווייטן בוים? . . וואָס האָט זי דאָרטן געפונען? וואָס האָט זי דאָרטן דערזען? פאַרוואָס האָט זיך דאָס אַזוי דערשראָקן?

רויטע וועווערקע האָט דערזען אַזאַ גרויסע, גרויסע גאָל-דענע סאָווע . . . אַ פויגל אַזאַ מיט אַזעלכע גאָלדענע פעדערן און אַזעלכע גרויסע קיילעכיקע אויגן . . .

האָט זיך וועווערקע דערשראָקן. די סאָווע איז אַזאַ גרויסע. די סאָווע איז אַזאַ שטאַרקע, די סאָווע קאָן אים נאָך אַזוי אַ כאַפּ טאָן און ער האָט מוירע פאַר זיין לעבן . . .

גיט זיך וועווערקע אַזוי אַ קער און אַרוף:

— „רויט-העזל, זיי מיר געזונט! גייט שוין אָן מיר זוכן דאָס גאָלדענע פייגעלע!"

און ער איז פלינק אַריין אין אַ לאָך פון אַ בוים . . .

# זיבנצעט מייסעלע:

בלייבן אַלע שטיין אַזוי אין מיטן וואַלד . . . ווייסט ניט מיידעלע וואָס צו טאָן . . . גיין ווייטער? איז דאָך די וועוועמרקע אַוועק. ווערזשע וועט שפּרינגען פון בוים צו בוים און זוכן דאָס גאָלדענע פייגעלע?

שטייען אַלע . . . שטייען זיי און שטייען . . . זעען זיי: די זון, אַזאַ קיילעכיקע הייסע שטייט אפן הימל און דער הימל איז איבער אַ באַרג. און דער גאַנצער באַרג ברענט . . . אַזוי רויט . . . אַזוי רויט . . .

פאַרוואָס ברענט דער באַרג אַזוי רויט, רויט? ווייסן זיי ניט אַז די זון פאַרגייט שוין? ווייסן זיי ניט, אַז באַלד פאַלט צו די נאַכט?

און זיי שטייען אַלע אין מיטן וואַלד. און דיביימער רוישן, רוישן, רוישן . . .

דרייט זיך פלוצלונג אַרום דאָס מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע און גיט אַ באַפעל:

— „געגאַנגען זאָל זיין! מיר וועלן גיין און גיין ביז מיר וועלן פון וואַלד אַרויס און דאָס גאָלדענע פייגעלע געפינען.

די טירטל-טויב איז מיט אונדז. זי וועט אַרומפליען און אַריינקוקן אין אַלע נעסטן!“

# אכצנט מייסעלע:

שפּאַנט מען ווייטער . . . שפּאַנט מען ווייטער . . . און סאיז אַזוי שטיל און סאיז אַזוי שאַ . . . עס זינגען מער ניט די פייגעלעך. זיי שלאָפן שױן און דערציילן מיסטאַמע שיינע מייסעלעך זייערע קינדער אין די נעסטן . . .

און אָט זייגען זיי שוין אַרויס פון וואַלד. זיי שפּאַנען איצט אויף אַזאַ גרויס גרין פעלד מיט אַזעלכע שיינע ווילדע בלומען . . .

נאָר פּלוצלונג דערהערט פייגעלע-בייגעלע:

— „מעע-מעע! מעע-מעע!"

לויפט זי צו און דערזעט: אין גראָז ליגט אַזאַ שיין ווייס יונג לעמעלע, עפּשער איין טאָג אַלט.

פון וואַנען קומט אַהער אין מיטן פעלד אַזאַ יונג ווייס לעמעלע?

געקומען אַהער מיט דער מאַמען . . . איז מאַמע אַוועק און לעמעלע איז געבליבן אַליין. ווייסט עס ניט וואו צו גיין, האָט עס מורא זיין אַליין. וויינט דאָס מעע-מעע און רופט די מאַמע.

— „שאַ-שאַ שיין לעמעלע." זאָגט פייגעלע-בייגעלע און נעמט דאָס לעמעלע אויף די הענט.

זי טראָגט דאָס אויף די הענט און מען גייט און מען גייט פאָרויס.

# נײנצט מײסעלע:

---

טראָגט מײדעלע דאָס לעמעלע אױף די הענט. אָבער לעמעלע איז הונגעריק. װײנט לעמעלע און רופט זײן מאַמע: מעע־מעע! . .

גײט מען און מען גײט. און באַלד איז שױן פאַרנאַכט אין דרױסן. און דאָס גאָלדענע פײגעלע האָט מען אַלץ ניט געפונען.

— װאו װעט מען גײן און װאו װעט מען זוכן, אַז קײנער װײסט ניט װאו דאָס גאָלדענע פײגעלע איז?

גײט מען און מען גײט. און אין דרױסן איז אַזאַ װאַרעמער זומער פאַרנאַכט . . .

נאָר פּלוצלונג דערהערט דאָס מײדעלע מיטן רױטן קלײדעלע, װי עמיצער װײט, װײט, װײט ענטפערט:

— „מעע! מעע! מעע! אָט דאָ בין איך מײן לעמעלע“.

לױפט פײגעלע־בײגעלע פאָרױס און דערזעט:

אפן פעלד שטײען אַסאַך שאָף מיט לעמעלעך און אַ װײַסע שאָף שטײט אין אַ זײט אַזאַ טרױעריקע . . . זי האָט איר לעמעלע פאַרלױרן. און איר לעמעלע איז נאָך אַזאַ יונגס. אַזאַ שװאַכס . . .

— מעע־מעע־מעע, װאו ביסטו מײן לעמעלע? האָט זיך דאָס װײסע יונגע לעמעלע מיט אַ מאָל אַזױ אַ ריס געטאָן פון פײגעלעס הענטעלעך . . . אַ שפּרונג געטאָן און שױן געשטאַנען לעבן זײן מאַמע־שאָף און געזױגן, געזױגן די זיסע מילך . . .

# צוואַנציקסט מייסעלע:

פליט און פליט און פליט די טירטל־טויב צווישן אַלע ביימער, זעט זי אַלערליי שיינע, זינגנדיקע פייגל. נאָר דאָס גאָלדענע פייגעלע איז ניטאָ...

און מיידעלע מיטן רויטן קליידעלע, מיט די גרינע שי־כעלעך, מיט די בלויע אייגעלעך, מיט די רויטע צעפּעלעך, וואָס האָט געהייסן פייגעלע און דאָס גאָלדענע פייגעלע האָט באַ איר צוגענומען דאָס פרישע בייגעלע, פּילט אַז די פיסע־לעך טוען אַזוי וויי... קאָן זי מער ניט גיין. זעצט זי זיך אַוועק... זיצן אַלע: די טאַטעס און מאַמעס, די זיידעס און באָבעס, די ברידער און שוועסטער, קאַטשקעס און גענדז און הינער און הענער און העזעלעך און הינט און קעץ.

זיצן זיי און זיצן און זיצן... זיצט אויך די טירטל־טויב אויף אַ בוים... און אין דרויסן איז שוין בלוי, בלוי... דער הימל בלוי. די ביימער בלוי. און שטיל אַזוי... און שטיל אַזוי... באַהאַלט די טירטל־טויב איר קעפּעלע אין פליגל און כאַפּט אַ דרימל. פאַרוואָרפן אַלע העזעלעך און הינטע־לעך און קעצעלעך זייערע קעפּלעך און שלאָפן איין. באַ־

האַלטן די גענדז און קאַטשקעס אַ‍זן הינער און העגער ווייערע קעפּ אונטער ווייערע פעדערן און שלאָפן אויך איין ... שטיל. אַלע שלאָפן ...

און אין דרויסן איז שוין באַנאַכט. און סאיז פינצטער ... און אויפן הימל קומען אַרויס אַזויפיל גאָלדענע שטערן ... זיצט מיידעלע און קוקט אויף די גאָלדענע שטערן ... קוקן די גאָלדענע שטערן אויפן מיידעלע אַראָפּ ...

זינגט אַראָפּ איין שטערן צום מיידעלע מיטן רויטן קליי-דעלע:

— „שלאָף איין, שלאָף איין מיידעלע
איך וועל דיך פאַרוויגן:
גוט איז, גוט איז אָט אַזוי
אפן גראָז צו ליגן ...
איך וועל דיר אַ מאַמע זיין
ליו-ליו, ליו-ליו זינגען:

— — — — — — — — —

און ווי נאָר דער גאָלדענער שטערן האָט אָנגעהויבן זינ-גען, איז אָנגעקומען אַזאַ קיל, קיל ווינטעלע און מיידעלע איז איינגעשלאָפן ...